# יחזקאל

אין אידיש

גליון שבועי לעילוי נשמת אדוננו הבעש"ט הק' ותלמידיו

פרשת אחרי קדושים תשפ"ה / גליון קל"ג


הלימוד היומי בספרי חסידות

לשבוע הבעל"ט
ספה"ק **מאור עינים** (שמות)

| יום | מד"ה |
|---|---|
| ראשון | ונודע כי כהנים ולוים |
| שני | וגם כן יכול לבא על ידי |
| שלישי | ותפתח ותראהו את הילד |
| רביעי | כי שמש ומגן ה' אלקים |
| חמישי | והנה כל אדם שמסתכל עד ד"ה כמאמרינו על |

איינצושרייבן צו באקומען דעם חודש'ליכן קונטרס ביי אייך אינדערהיים, רופט 848-243-1624


0722 531 385

מערכת "קול דודי"

א וועלט פון ליכטיגע חסיד'ישע שמועסן

אין אמעריקע
605.313.6695

אין אייראפע
033.0551.7811

ספעציעל שיעורים
הכנה לל"ג בעומר
אויף נומער 1 / אוצר אין נומער 30


## חסיד'יש גערעדט

א חסידי'שע דערהער פון די פרשה אויף למעשה

# א גרויס געשעפט

### בעצם גייט ער ארויס כדי צו טון רצון ה', נאר אין דער זייט, כאפט ער אויך אריין צו ברענגען פרנסה - וואס דאס איז אויך רצון ה'

"יחזקאל, דו קענסט מיר אפשר מסביר זיין, וואס האסטו פון דיין נארישע געשעפט? וויפיל פראצענט מאכסטו שוין פון אויפטוישן געלט? עס צאלט אפילו אויס די רענט פון דיין געשעפט?", שלמה מנחם פאדערט אן ערקלערונג. ער שטייט שוין דא פאר איבער א האלבע שעה און באטראכט די ארבעט פון 'טוישן געלט', דא איז אריינגעקומען איינער מיט א פופציגער אויפצוטוישן, נאך עטליכע מינוט איז א צווייטער אנגעקומען מיט צוויי הונדערטער באנקנאטן, און נאך פינף מינוט איז איינער אנגעקומען מיט א צענער אויפצוטוישן... "ענדערש שטיי אין א גראסערי ביים רעדזשיסטער, וועסטו פארדינען שענער" האט ער געריטן אויף זיינע נערוועך.

א רחמנות'דיגער שמייכל איז ארויפגעקומען אויף די ליפן פון יחזקאל: "דו מיינסט אז איך האלט אפן דעם געשעפט צוליב די נארישע טוישעריי וואס דו האסט מיטגעהאלטן? ווארט דא צו נאך א האלבע שעה, וועסטו זען ווי דא וועט אנקומען א ביזנעסמאן, און מיט איין קנאק וועל איך ארויסגיין מיט א פארדינסט פון פינף טויזנט דאלער! אודאי, מוז איך אויפטוישן אויך די קלענערע געלטער, ווייל דאס איז א חלק פון די סערוויס וואס איך שטעל צו, אבער דער ציל איז בכלל נישט דאס, דער ציל איז דווקא די גרויסע געשעפטן!".

## דיין עיקר שטרעבן

דער הייליגער 'בני יששכר' לערנט אונז די וואך אין דער פרשה (אחרי), וואס עס איז דער ריכטיגער וועג וויאזוי א מענטש זאל גיין צו די ארבעט:

**"לָלֶכֶת בָּהֶם - אָמְרוּ חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה בְּתוֹרַת כֹּהֲנִים: עֲשֵׂם עִקָּר וְאַל תַּעֲשֵׂם טְפֵלָה... דְהִקְשָׁה לוֹ לָמָּה לֵיהּ לְמֵימַר 'לָלֶכֶת בָּהֶם' דְהוּא מְיֻתָּר, דַּהֲרֵי אָמַר 'אֶת מִשְׁפָּטַי תַּעֲשׂוּ וְאֶת חֻקֹּתַי תִּשְׁמְרוּ' וְכוּ'. לָזֶה פֵּרֵשׁ דְּיֶאֱרַע מִי שֶׁעוֹשֶׂה מַעֲשֶׂה בְּהִזְדַּמְּנוּת, אֲבָל לֹא יִרְדֹּף אַחֲרֵיהֶם לַעֲשׂוֹת זֶה עִקַּר עֲשִׂיָּתוֹ, רַק כְּשֶׁיַּעֲסֹק בְּמַשָּׂא וּמַתָּן וְדֶרֶךְ הִלּוּכוֹ תִּזְדַּמֵּן לוֹ אֵיזֶה מִצְוָה יַעֲשֶׂנָּה, לָזֶה אָמַר 'לָלֶכֶת בָּהֶם' - 'עֲשֵׂה אוֹתָם עִקָּר', אֲפִלּוּ כְּשֶׁתַּעֲסֹק בְּעִנְיְנֵי הָעוֹלָם יִהְיֶה עִקַּר מְגַמָּתְךָ שֶׁתִּזְדַּמֵּן לְךָ מִצְוָה, וְגַם כָּל הִלּוּכְךָ יִהְיֶה לִדְבַר מִצְוָה דְּהַיְנוּ שֶׁעַל יְדֵי מַשָּׂא וּמַתָּן זֶה תּוּכַל לַעֲסֹק בְּדַרְכֵי הַשֵּׁם".**

א יונגערמאן וואס גייט אין כולל - וויל דאך גיין לערנען, א איד וואס גייט אין שול אריין - וויל דאך גיין דאווענען, אבער ווען א איד גייט אריין אין אפיס אריין - וואס וויל ער דא? לכאורה, ארבעטן און מאכן געלט, נישט אזוי? קומט דער בני יששכר און זאגט: ניין! ווען א איד גייט אריין אין דער ארבעט, איז זיין הויפט ציל, צו טון מצוות!

אלץ וואס א איד טוט נאר - פירט איינוועגס אונטער פארשידענע מצוות. אמאל איז דאס א מצוה פון העלפן א צווייטן איד, אמאל איז דאס א מצוה פון 'זיכוי הרבים', אמאל איז דאס א מצוה פון צדקה, און אמאל איז דאס א מצוה פון 'סור מרע', אוועק קוקן פון א 'ראיה אסורה' אדער זיך היטן פון נכשל ווערן אין גניבה וכדומה. דאס איז נישט געוואנדן אינעם מענטש, ווייל נאטורליך איז א איד אויסגעשטאטעט מיט צענדליגער מצוות אויף יעדן ריר - וואס עס איז כמעט נישט מעגליך דורכצוגיין א שעה אן מקיים זיין עטליכע מצוות.

> א יונגערמאן וואס גייט אין כולל - וויל דאך גיין לערנען, א איד וואס גייט אין שול אריין - וויל דאך גיין דאווענען, אבער ווען א איד גייט אריין אין אפיס אריין - וואס וויל ער דא?

וואס ווענדט זיך יא אינעם מענטש? דער בליק אויף זיין 'טון דא'! דער מענטש האט א בחירה, צי ער קוקט זיך אן ווי ער איז בעצם יעצט פארנומען מיט 'ארבעט', נאר אין דער זייט כאפט ער גראדע אריין א מצוה'לע דא און א מצוה'לע דארט. אדער קוקט ער זיך אן, אז בעצם גייט ער ארויס פונדערהיים כדי צו טון רצון ה' אויף אלע זייטן - וואו עס וועט אים נאר אונטערקומען, נאר אין דער זייט, כאפט ער גראדע אריין צו ארבעטן און ברענגען פרנסה - וואס דאס איז אויך רצון ה'.

א איד איז א געטליכע נשמה, און דערפאר האט ער נישט קיין געשמאק און אינטערעס בלויז אין אזא טרוקענע זאך ווי ארבעטן פאר פרנסה. די פאר אויסגעריבענע דאלארן - רעדן נישט צו אים. נאר וואס דען? דורכן ארבעטן קומט אים אונטער פארשידענע מצוות, וואס דאס איז דער ריכטיגער 'קנאק'! דעמאלט גייט ער ארויס מיטן ריכטיגן פארדינסט! דעמאלט האט ער א געלעגנהייט צו האבן א דביקות אינעם אויבערשטן! און אט דאס איז זיין הויפט ציל מיטן גיין ארבעטן.

ביי די פארצייטישע חסיד'ישע אידן - וועלכע זענען געגאנגען ארבעטן, האט מען קלאר געזען אויף זיי, אז זייער גאנצער גליק איז געווען, ווען זיי האבן געקענט אויסנוצן זייער פאך און ארבעט צו טון דערמיט א חסד פאר א איד אדער מזכה צו זיין דעם ציבור. דאס האט פארנומען זייער עיקר געדאנק, און זיי האבן אנגעקוקט די גאנצע ארבעט ווי א מיטל אנצוקומען צו אט דעם מצב. ווען עס איז זיי אונטערגעקומען צו טון עפעס א מצוה ביי די ארבעט - האט דאס געמאכט זייער טאג! דאס איז געווען דער עיקר.

## אן 'עוֹבד' ביי די ארבעט

עס טרעפט זיך אסאך מאל, אז אינגעלייט ווערן שטארק נתעורר אין עבודת ה', ביים דאווענען, ביים לערנען, ביים טון א געוויסע מצוה, וכדומה. אבער איינמאל זיי גייען אריין אין אפיס - זענען זיי אנדערע מענטשן... זיי גייען כאילו 'אוועק פון אידישקייט' רח"ל. כאילו אז אין אפיס האבן זיי אן אנדערע ציל און אגענדע ווי אין שול. דאס דערמאנט דעם משכילי'ישן סלאגאן - וועלכע וואלט זיך דא געזינגען: "זיי א איד אין שול און א מענטש אין אפיס", עפרא לפומיה פאר אזא סארט געדאנק.

דער לעבנס שטייגער פון א איד - וועלכער איז א 'חלק אלוק ממעל ממש' - טוישט זיך נישט לויטן פלאץ און צייט. יעדע רגע וויל דער איד זיין דבוק אינעם אויבערשטן און טון זיין רצון - אפגעזען צי ער איז יעצט אין אפיס אדער אין כולל. ווען א איד דארף ארויסגיין צו דער ארבעט, איז ער דארט אויך דבוק אינעם אויבערשטן. ער איז נישט געקומען ארבעטן מיט א צוגאנג פון לייגן רצון ה' אין דער זייט, נאר פארקערט, ער טוט דאס צוליב רצון ה'! זיין גאנצער ציל ביים ארבעטן איז, זיך מדבק צו זיין אינעם אויבערשטן און צו טון זיין רצון.

פונקט ווי יחזקאל מאכט זיין עיקר געלט פון דער גרויסער טרענזאקציע וואס דער ביזנעסמאן מאכט ביי אים איינמאל א וואך, און אלץ וואס ער האלט אפן דעם געשעפט איז בעיקר צוליב

המשך אין עמוד ב


הפצת הגליון בק"ק וויען נתנדב ע"י

# מעלת חברינו

## פארוואס פארטראג איך נישט יענער בחור, ס'קומט פון א שלעכטע פלאץ? • ס'איז מעגליך אז דער חסרון פון יענעם בחור, זאל גאר זיין א מעלה מיט וואס ער איז חשוב'ער ווי מיר?

**משפיע:** וואס מאכסטו, אברהם יצחק?

**אברהם יצחק:** ברוך ה', כ'ווארט שוין אפאר טעג צו שמועס'ן, מיר האבן אפגעהאקט עפעס אזוי אינדערמיט. מיר האבן נאר געעפנט די סוגיא פון אהבת חברים.

**משפיע:** יא, מ'דארף עס טאקע מער אויסקלארן. דאכט זיך מיר אז מ'האט גערעדט, אז מיר ווען נאך דארפן מאריך זיין דערוועגן.

**אברהם יצחק:** טאקע. דער משפיע האט אויסגעשמועסט דער חלק פון 'שנאת הבריות', ווי שלעכט ס'איז און אז מ'דארף עס פאררעכטן. כ'מיין אז מיר דארפן היינט אויסשמועסן 'וויאזוי' מ'איז עס מתקן.

**משפיע:** דער אמת איז, אז דאס וואס מיר האבן גערעדט לעצטע וואך, איז אליינס די ערשטע חלק פון תיקון. די מינוט מ'ווייסט אז ס'איז א שלעכטע מידה, פרובירט מען

> ווען מ'כאפט דאס, הייבט מען אן באטראכטן די וועלט אלס א חלק פון זיך, און פונקט ווי מ'האט זיך אליינס ליב האט מען ליב די גאנצע וועלט

נישט מער ארייננצופאלן דערין, נאר פארקערט, מ'פרובירט טראכטן און שפירן די פארקערטע געפיל. מ'פרובירט אוועקצוטרייבן אלע נעגאטיווע מחשבות אויף אנדערע, און ערוועקן אהבת חברים אין זיך.

**אברהם יצחק:** יא. אבער וויאזוי טוט מען עס? למעשה זענען דא בחורים וואס כ'קען נישט פארנעמען, אדער, ס'איז מיר נישט געשמאק צו זיין מיט זיי. כרגע האלט איך ביי דעם. וויאזוי הייבט מען אן שפירן פארקערט?

## דו ביסט דער פראבלעם!

**משפיע:** פאר מ'הייבט אן מיט עצות, לאמיר בעסער דערגיין פון וועלכע סארט מידה מיר רעדן? 'רוע הנפש' - אזויווי דער רמב"ם רופט עס. כ'האב דיר געוויזן זיין לשון לעצטע וואך, ווי ער איז מסביר אז דיינע אלע מחשבות אויף די חברים, קומען פון א געוויסע 'שנאת הבריות' וואס נעמט זיך פון 'רוע הנפש'. כ'מיין אז די וויכטיגסטע זאך איז, צו קודם וויסן אז מיר האבן א געוויסע 'רוע' אין זיך וואס ברענט צו פיינט האבן אנדערע.

**אברהם יצחק:** פארוואס איז וויכטיג דאס צו וויסן? איז נישט וויכטיגער צו באקומען אן עצה דערפאר?

**משפיע:** לאמיר עס מסביר זיין. ווען מ'רעדט פון אלע אנדערע מידות רעות, למשל קנאה, תאוה און כבוד, פארשטייט יעדער אז די פראבלעם איז ער אליינס. צום ביישפיל, ווען ס'קומט צו תאוה, דער מענטש שטייט פאר א גוט שטיקל פלייש און קען זיך נישט איינהאלטן דערפון, ער פאלט דערויף פון גרויס תאוה, און ס'איז קלאר אז ער איז דער פראבלעם. ער וועט נישט טראכטן פאר א מינוט אז די פלייש איז שולדיג... קיינער וועט נישט טראכטן אז די לעזונג צו זיינע תאוה-פראבלעמען, איז צו ברענגען אן אנדערע שטיקל פלייש... דער מענטש ווייסט ער האט א גשמיות'דיגע תכונה אין זיך וואס הייסט 'תאוה', און ער פארשטייט אז ווילאנג אז ער ארבעט עס נישט אויס, וועט ער נישט פטור ווערן דערפון!

**אברהם יצחק:** פשוט אזוי.

**משפיע:** דאס איז שטארק אנדערש ווי 'שנאת הבריות'. ביי תאוה פארשטייט יעדער אז ער דארף זוכן אן עצה דערויף, ווייל די פראבלעם שטעקט אין אים אליינס, ער דארף זיך אליינס מתקן זיין. אבער ביי שנאת הבריות פאלט אים נישט איין אז ער איז דער פראבלעם! יענער בחור איז דער פראבלעם! איך בין פיין און וואויל. נאר וואס? כ'האב אלע סארט מענטשן ארום מיר מיט אלע סארט תכונות און משוגעת'ן, און כ'קען עס פשוט נישט דערליידן! וואס בין איך שולדיג? איך האב מיין תכונה, און זיי האבן זייער'ס, און מיין תכונה שטימט נישט מיט זייער'ס. כ'דארף פארטראגן יעדן? כ'האב נישט קיין כח דערפאר, ס'איז גרינגער צו לעבן אליינס פאר זיך...

ס'פאלט אים נישט איין אז ער האט א געוויסע שלעכטס אין זיך, און ס'פאלט אים נישט איין אז ער דארף עס מתקן זיין.

דעריבער, קודם כל דארף מען וויסן אז כ'האב א 'רוע' אין זיך וואס ברענגט מיר צו 'שנאת הבריות', און די שנאה ברענגט מיר ארויף אלע סארטן קריטיק און הגדרות אויף יעדן איינעם. וואס צוליב די מחשבות, פארטראג איך נישט צו זיין מיט אנדערע מענטשן. ווען מ'ווייסט אז מ'האט א פראבלעם, קען מען אנהייבן זוכן עצות דערפאר.

**אברהם יצחק:** געפערליך, כ'האב א געוויסע שלעכטס אין זיך וואס מאכט מיר פיינט האבן אנדערע? פון וואו קומט די שלעכטס, ווי האט זיך עס אנגעהויבן?

**משפיע:** צוערשט דארפסטו וויסן אז ס'איז א מציאות. דער אויבערשטער האט אונז באשאפן מיט פארשידענע נידריגקייטן, און ער וויל אז מיר זאלן זיי אויסארבעטן. ווען ס'קומט צו אזעלכע מידות רעות ווי קנאה, תאוה און כבוד, פארשטייט יעדער אז מ'איז געבוירן געווארן דערמיט און ס'איז אונזער עבודה זיי אויסצואורבעטן. מ'דארף כאפן אז די זעלבע איז ביי די מידה רעה פון 'שנאת הבריות', מ'איז געבוירן דערמיט און מ'דארף זיך אומגיין דערמיט פונקט ווי יעדע אנדערע מידה רעה.

צווייטנס, לאמיר דיר אביסל טיפער מסביר זיין אין קורצן, פון וואו די שלעכטע מידה קומט. די שורש פון 'רוע הנפש' קומט פון דעם וואס דער אויבערשטער האט באשאפן יעדער מענטש מיט א געפיל, אז ער איז א 'יצירה נפרדת'. ער באלעבט און שפירט נאר זיך, און די איבריגע וועלט איז נישט קיין חלק פון אים, ס'האט נישט קיין שייכות מיט אים. ער פירט זיך זיין שטעטל, און די גאנצע וועלט איז אינדרויסן.

דער צוגאנג מאכט אז דער מענטש זאל זיך נאר אינטערעסירן און ליב האבן זיך אליינס, און אלעס אויסער אים ווערט געמאסטן לויט אים, "ס'גייט זיך מיר לוינען אדער נישט", אדער "וואס גייט מיר עס אן". אזוי הייבט זיך אים אן אלע סארט קריטיק און מחשבות אויף יעדן איינעם, וואס ברענגען אז ער זאל צום סוף אנהייבן מזלזל זיין און פיינט האבן אנדערע.

די וועג עס צו פאררעכטן איז דורכ'ן דערהערן, אז איך בין א חלק פונעם 'כלל'. ס'איז דא 'כלל ישראל', וואס איז איין גרויסע 'קומה', און איך בין א חלק דערפון. ווען מ'כאפט דאס, הייבט מען אן באטראכטן די וועלט אלס א חלק פון זיך, און פונקט ווי מ'האט זיך אליינס ליב האט מען ליב די גאנצע וועלט. פונקט ווי מ'וויל די אייגענע הצלחה, וויל מען יעדן איד'ס הצלחה. דאס איז פנימיות'דיג פשט פון רבי עקיבא'ס מימרא, "ואהבת לרעך כמוך זה כלל גדול בתורה". פשט איז אז די מידה פון 'ואהבת לרעך כמוך' קומט נאכדעם וואס א מענטש אנערקענט דעם "כלל גדול", מיינענדיג אז יעדער מענטש איז א חלק פונעם 'כלל גדול' פון כלל ישראל און די תורה (עיין תולדות יעקב יוסף פרשת קדושים).

**אברהם יצחק:** ס'זעט מיר אויס צו טיף פאר מיר. כ'האב נישט פארשטאנען וואס ס'מיינט אז א מענטש באקוקט זיך ווי א 'יצירה נפרדת', אדער אלס א חלק פונעם גרעסערן כלל. אבער כאטש די ערשטע נקודה האב איך פארשטאנען; איך כאפ אז כ'האב א שלעכטע מידה פון 'רוע הנפש' אין זיך. מ'דארף טרעפן אן עצה עס ארויסצונעמען פון הארץ, און ס'וועט גארנישט ווערן בעסער ווילאנג כ'הייב נישט אן ארבעטן דערויף.

**משפיע:** פיין, אויב האסטו עס פארשטאנען, קען מען אנהייבן ארבעטן דערויף!

## שעצן יעדן איינעם

**אברהם יצחק:** דער משפיע האט דערמאנט, אז מ'דארף פרובירן אנצוהייבן טראכטן און טון פארקערט. דאס הייסט, פרובירן אוועקטרייבן די אלע מחשבות און געפילן. כ'האב עס גראדע אנגעהויבן טון, אבער כ'שפיר אז ס'איז נישט גענוג. איך קען נישט נאר מלחמה האלטן מיט די מחשבות.

**משפיע:** זאגסט גוט, ווייל די קומענדיגע שלב איז נישט

## חסיד'יש גערעדט / המשך

המשך פון עמוד א

דעם, און נישט צוליב די נישטיגע טוישונגען וואס מענטשן טוישן ביי אים קליין געלט. אט אזוי, דער עיקר פארדינסט וואס א איד פארדינט פון גיין ארבעטן - איז די מצוה'לע וועלכע מאכט זיך אים אמאל, דער דביקות צום אויבערשטן וואס ער קען האבן ביי די ארבעט - נאר דאס איז ווערד און נאר צוליב דעם האלט ער אפן דעם געשעפט.

**הלכה למעשה:** טאמער קומט א איד און בעט דיר הילף אינמיטן די ארבעט, אדער טאמער קומט דיר אויס אינמיטן די ארבעט מקיים צו זיין א מצוה פון 'פריעת חוב', 'זאגן אמת', 'זיין נזהר פון גניבה' וכדומה - זאלסטו זיך נישט באציען דערצו ווי צו א זייטיגע זאך, נאר באַלעֶב עס! מאך דאס פאר דיין עיקר! קוק עס אן ווי דער הויפט טרענזאקציע וואס צוליב דעם האלטסטו אפן דיין

געשעפט! ווען קענסטו מאכן א 'טשעק' - אז היינט איז געווען א געלונגענער טאג אין ביזנעס? ווען דו האסט ארייגעכאפט א גוטע פאר מצוות! פונקט ווי די הצלחה אין כולל מעסט זיך מיטן לערנען ווי עס דארף צו זיין, אזוי אויך, די הצלחה אין ארבעט מעסט זיך מיטן טון מצוות ווי עס דארף צו זיין.

נאר צו קעמפן אנטקעגן אלע נעגאטיווע מחשבות, נאר דייקא אנצוהייבן טראכטן יעדן איינעמ'ס מעלה, און אים שעצן דערפאר. די בעסטע עצה דערצו, איז איינ'חזר'ן די ווערטער פון 'אגרת הרמב"ן', אז א מענטש דארף זיך באציען צו יעדער מענטש אז יענער איז חשוב'ער ווי אים.

**אברהם יצחק:** יא יא, ס'איז געדרוקט אין כמעט יעדע סידור. כ'האב עס שוין געזאגט אפאר מאל.

**משפיע:** גערעכט, אבער ס'איז נישט גענוג נאר עס צו זאגן, מ'דארף פרובירן עס צו באמת מקיים זיין. לאמיר זען זיין לשון: "**וְכָל אָדָם יִהְיֶה גָּדוֹל מִמְּךָ בְּעֵינֶיךָ, אִם חָכָם אוֹ עָשִׁיר הוּא עָלֶיךָ לְכַבְּדוֹ, וְאִם רָשׁ הוּא וְאַתָּה עָשִׁיר אוֹ חָכָם מִמֶּנּוּ, חֲשֹׁב בְּלִבְּךָ כִּי אַתָּה חַיָּב מִמֶּנּוּ וְהוּא זַכַּאי מִמְּךָ, שֶׁאִם הוּא חוֹטֵא הוּא שׁוֹגֵג וְאַתָּה מֵזִיד**". ער זאגט דא וויאזוי מ'דארף אנקוקן יעדער מענטש; כ'שעץ יעדן איינעם, יעדער איז חשוב'ער ווי מיר, אויב ער איז מער א חכם אדער עשיר איז ער דאך אוודאי חשוב'ער, און אויב איך בין מער א חכם אדער עשיר ווי אים, איז זיכער דא א סיבה אים צו מער מחשיב זיין, ווייל פון מיר ערווארט דער באשעפער מער צוליב מיין חכמה, בשעת יענער טוט די מערסטע לויט זיין מצב.

**אברהם יצחק:** וויאזוי איז שייך צו האלטן אז יעדער איז חשוב'ער ווי מיר? ס'איז דא גענוג בחורים וואס כ'ווייס זייער גוט אז כ'בין אסאך חשוב'ער ווי זיי! זאל איך זיך נארן? וואס, זאל איך זיי ארויפקוקן פארן ליגן אין אלע סארט נארישקייטן?

**משפיע:** טאקע פון דעם רעדט דער רמב"ן! אויב יענער האט ווייניגער שכל, כשרונות אדער כוחות ווי דיר, איז דאס אליינס א סיבה פארוואס ער איז מער ווי דיר, ווייל מ'פארלאנגט נישט קיין סאך פון זיין קליינע קאפ. ווען ער ווערט נכשל מיט עפעס הייסט עס נאר א שוגג, און מ'קען נישט האבן קיין סאך טענות אויף אים אפילו ווען ער ליגט אין שטותים. אבער דו, מיט דיין גוטע קאפ און מעגליכקייטן, איז דא א טענה! פארוואס נוצסטו עס נישט ריכטיג אויס?

**אברהם יצחק:** כ'פארשטיי נישט; דער רמב"ן וויל אונז צעברעכן און מאכן שפירן ווי מיר זענען גארנישט ווערד?

**משפיע:** בכלל נישט. כ'ווייס נישט פארוואס האסטו אזוי מחליט געווען. דער רמב"ן זאגט אז ביסט טאקע מורא'דיג חשוב, אבער טראכט אז דיין חבר איז נאך חשוב'ער! "כל אדם יהיה גדול ממך בעיניך"! זיי נישט מזלזל אין קיינעם, קוק אויף יעדן ווי גלייך ער איז גרעסער ווי דיר, זיי יעדן מחשיב און זעה נאר זיינע מעלות. מ'זוכט דיר נישט צו צעברעכן; מ'וויל גרויס מאכן אנדערע און אייך דערביי צוזאמברענגען. ווען מ'געוואוינט זיך איין צו טראכטן אזוי, הייבט מען אן שפירן אהבת הבריות און אהבת ישראל, מ'הייבט זיך אן פרייען מיט יעדנ'ס הצלחה און מ'זעט יעדנ'ס מעלות, אזוי אז מ'פריידט זיך צו זיין מיט יעדן. דאס הייסט 'אהבת הבריות'.

**אברהם יצחק:** ממש א פשוט'ע עצה.

**משפיע:** ס'איז טאקע פשוט, אבער ס'איז נישט אזוי 'פשוט' עס אויסצופירן. ס'איז גרינג צו געבן א הגדרה, ס'איז אדער נישט אזוי גרינג זיך צו איינגעוואוינען עס צו טראכטן און פילן אין הארץ! מ'דארף אן א שיעור חזר'ן דער רמב"ן'ס הייליגע ווערטער, זיך איינבאקן אז ס'איז אמת און וואר, ביז ס'וועט שטאטליך אנהייבן אריינגיין אין הארץ.

**אברהם יצחק:** כ'הער. כ'וועל אנהייבן צו פרובירן עס טראכטן, און לאמיר זען ווי ס'גייט.

**משפיע:** צום שלוס לאמיר זאגן, אז כ'האב פריער געזאגט אז ווען מ'געוואוינט זיך איין צו טראכטן אזוי, עפנט זיך דאס הארץ צו ליב האבן אנדערע און מ'הייבט אן איינזען יעדנ'ס מעלה. אייגנטליך איז דאס די צווייטע שלב העבודה, ווייל די ערשטע שלב איז, אז ווען כ'זעה א געוויסע חסרון ביי א צווייטן, לערנט אונז אויס דער רמב"ן אז די חסרון איז אין אמת'ן א מעלה וואס ער האט העכער מיר, ווייל דאס אז ער איז נישט אזוי קלוג ווי איך איז א סיבה אים צו מחשיב זיין! דאס איז די ערשטע זאך וואס מאכט אז מ'זאל אים מחשיב זיין.

אבער ווי נאר מ'האט דאס דערהערט, מ'איז שוין נישט מזלזל זיין אין אים נאר מ'איז אים מחשיב, קען מען אנהייבן זען יעדן איינעמ'ס אמת'ע מעלה. דער אמת איז אז יעדער מענטש האט א געוויסע מעלה וואס כ'האב נישט, נאר וואס? כ'זעה עס פשוט נישט, ווייל מיין גשמיות'דיגע הארץ איז פול מיט 'רוע' און שנאת הבריות. אבער ווען מ'רייניגט אביסל דאס הארץ, הייבט מען אן זען ווי יעדער האט מורא'דיגע מעלות וואס מ'האט נישט געזען ביז יעצט. פארשטייט זיך, אז דאס ברענגט נאך מער אהבה צו אנדערע.

**אברהם יצחק:** מורא'דיג, איך האף צו אנהייבן עס טון למעשה.

**משפיע:** מיט אסאך הצלחה!

**פונקען** / קורצע יסודות פון תלמידי הבעש"ט זי"ע

'אור היקוד הס יוקדים' אין יעדן איד ברענט א פייער, וואס נעמט זיך פון כח פון רבי שמעון בר יוחאי, וואס האט ארייגעשיינט דעם אור הגנוז.

כ"ק רביה"ק (בעל 'דברי אמונה') זי"ע



# עבודת עבודה

אין אנהייב איז עס נאר געווען היציגע שושקערייען אונטער פייוול'ס רוקן, אבער מיט די צייט איז עס געווארן ערנסטע טענות. "ס'קען נישט ווייטער אנגיין אזוי", איז אנגעקומען די קלאגעס אויפן טיש פון הנהלת הקהילה, "פייוול, דער שמש פון בית המדרש פעלשעוועט זיין ארבעט. די גרויסע שוהל פירט זיך נישט ווי ס'דארף צו זיין. די ערד איז שמוציג און אנגעקלעבט, אלע טישן זענען אנגעלייגט מיט הויפנס ספרים וואס ווערן נישט באהאנדלט, און דער היכל איז נישט גוט באלויכטן".

פייוול, דער שמש פונעם גרויסן בית המדרש אין ק"ק נירעדהאז, האט אנגענומען זיין פאסטן קוים צוויי יאר צוריק. אנגעפאנגען האט ער עס ווי א פלייסיגער ארבעטער, אבער צוביסלעכווייז האט ער אנגעהויבן פוילעצן, און פארנאכלעסיגן די ארבעט.

דער ראש הקהל, הרה"ח רבי צבי מרדכי ארגעל ע"ה, אדער ווי מ'האט אים גערופן 'ר' הערש', האט באשלאסן אז ס'איז געקומען די צייט צו זוכן א נייער שמש פארן בית המדרש. אבער ער גייט עס נישט טון איידער ער מעלדט עס פארן רב הקהילה, הרה"ק רבי משולם פייש, ווער ס'איז שפעטער געווארן באקאנט אלס דער טאהש'ער רבי זצוק"ל.

"הערשל, כ'בעט דיר", האט זיך דער רב געוואנדן צו אים, "געב אים נאך א געלעגנהייט. וועסט זען, ער וועט נאך זיין א גוטער שמש".

צוריקווייזן די עפנטליכע בקשה פונעם רב האבן די ראשי הקהל נישט געקענט, האבן זיי באשלאסן צומאכן א אויג, און האפן אויפן בעסטן.

אבער פייוול האט איבערגעצויגן דעם שטריק.

ס'איז געווען זונטאג, א טאג נאך שבת. די ערשטע מתפללים אין בית המדרש זענען ענטפאנגען געווארן מיט א שארפע גערוך פון הערינג און געפילטע פיש. דאס בית המדרש האט אויסגעקוקט פונקט ווי מ'האט עס איבערגעלאזט נעכטן ביינאכט, נאך שלש-סעודות...

די ווייסע טישטוכער איבער אלע טישן, די רעשטלעך חלה און פיש, אלעס איז געלעגן אויפן פלאץ ווי גלייך ס'איז נישטא קיין שמש אין שטאט.

די דרינגנדע אסיפה וואס איז געווארן פאררופן יענע נאכט ביים ראש הקהל אינדערהיים, איז געווען גאנץ היציג. "א שוהל טאר נישט אזוי אויסזען!" האט ר' שרגא געקלאפט אויפן טיש, "פארוואס באקומט פייוול א געהאלט? צו שלאפן?! מ'דארף זאפארט טרעפן א פרישער שמש מיט יונגע כוחות וואס ווייסט וואס מיינט 'אחריות', צו ערזעצן פייוול". די החלטה איז געבליבן ביי דעם. פייוול גייט פליען פון זיין פאסטן.

"הערשל, ביטע, כ'בעט דיר!", האט דער טאהש'ער רבי זיך געבעטן ביים ראש הקהל, "האב רחמנות אויף פייוול'ס קליינע קינדער. אויב וועסט אים פארשיקן, וועט פייוול נישט האבן קיין פרנסה און פון וואו וועט ער שפייזן זיין משפחה? איר וועט נאך זען, פייוול גייט זיין א גוטער שמש".

ר' צבי מרדכי איז ארויס פון רב'ס הויז, און אויסגעפאלגט דעם רב'ס בקשה. דערווייל גייט מען נישט אפזאגן פייוול'ען.

א שווערע שניי האט באדעקט אונגארן. די שניי האט פאראליזירט דאס לאנד, אזוי אז אפילו די באנען וואס שרעקן זיך נישט געווענליך פון קיין שניי, האבן קוים מיט שוועריקייטן זיך דורכגעשטופט איבער די שניי אנגעהויפנטע רעלסן.

און אזוי זיצט זיך דער סוחר, רבי מאיר דים אויפן באן וואס ברענגט אים צוריק פון בודאפעסט. ער כאפט א אנגעצויגענעם בליק אויף זיין זייגער. ס'איז שוין שפעט ביינאכט און ווי ס'שיינט, גייט ער שוין אנגעקומען קיין נירעדהאז, זיין וואוין-שטאט, צוזאמען מיטן עלות.

"אויב אזוי, לאמיר גיין גלייך דאווענען ותיקין", האט ר' מאיר משלים געווען מיטן מצב. ווי נאר ער איז ארויס פון באן סטאנציע, האט ער געמאכט זיין וועג צום גרויסן בית המדרש.

ער דערנענטערט זיך צום בית המדרש, וואו ס'האט אים געווארט א אנגענומענע איבערראשונג. ער הערט א גערויש אינעווייניג. איינער רישט איין דאס בית המדרש. 'אה, הייסט עס אז פייוול האט ארויפגעצויגן די ארבל און איז צוריק צו די ארבעט', האט ר' מאיר געטראכט צו זיך, 'ער רייניגט דאס בית המדרש אויף תפילת שחרית. פיין, פיין'.

ער קומט אריין אין פאליש פון בית המדרש, זיין טלית בייטל אונטערן ארעם. די ערד איז געווען נאס, און דער שמש האט געשוויצט ארויסשארנדיג די שווארצע וואסער אינדרויסן אויפן גאס. ר' מאיר עפנט דאס מויל צו זאגן א 'יישר כח' פארן פייוול'ען אויף זיין געשיקטע ארבעט, ס'קומט אים דאך א גוט ווארט פארן ערפילן זיין פליכט, אבער מיטאמאל איז ער געבליבט שטיין געפלעפט.

דער 'שמש' וואס האט ריין געמאכט די ערד, איז נישט געווען קיין אנדערער ווי דער רב, הרה"ק מטאהש אליינס! ער שטייט דארט מיט א שיסל וואסער, שווענקט, רייבט, רוקט אלע טישן און צינדט אן די ליכט...

דער צדיק פון זיין זייט, וואס האט געכאפט אז מ'האט אים 'געפאקט רויט האנטיג', האט ערקלערט די 'ריכטיגע מסקנא' וואס דער שאקירטער ר' מאיר דארף ארויסהאבן פון דעם מחזה: "זעסט דאך אז מ'דארף נישט פארשיקן פייוול פון זיין ארבעט, למעשה ווערט זיין אויפגאבע מסודר אויפן בעסטן אופן..."

"דער רבי האט געארבעט פיר און צוואנציג שעה א טאג", האט זיך ר' צבי מרדכי שפעטער גע'חידוש'ט, "במשך'ן טאג האט ער געדינט אלס רב און מורה הוראה, און די נאכט שעות האט ער איינגעטיילט צווישן זיינע פילע שיעורים אין נגלה ונסתר, און זיין דער שמש פון בית המדרש". אזוי האט פייוול געהאט זיין פרנסה, און אפילו זיין ארבעט איז געטון געווארן בשלימות...

מקור: א אייניקל פון הרה"ח ר' צבי מרדכי ז"ל, וואס האט עס געהערט פון אים.

# ל"ג בעומר ביי רבי שמעון

## כ'בין נישט קיין 'מקובל', וואס האב איך מיט שמחת ל"ג בעומר? ♦ וואס איז די גרויסע שמחה ביי רבי שמעון? ♦ פארוואס איז רבי שמעון אנדערש פון אלע אנדערע תנאים?

## שאלה:

וואס האב איך מיט ל"ג בעומר און מיט רבי שמעון בר יוחאי? אויב צו פועל'ן ישועות, קען איך דאך פארן צו א רייע ציונים פון הייליגע תנאים, אמוראים און אנדערע צדיקים? מ'פריידט זיך דארט ווייל ער האט מגלה געווען סתרי תורה? נו, כ'בין נישט קיין גרויסער מקובל... וואס זיך איך אין מירון?

און בכלל, וואס איז די גרויסע שמחה ביי רבי שמעון? פארוואס טרעפט מען נישט, אז מ'זאל זיך פרייען, טאנצן און זינגען די שבחים פון סיי וועלכער צדיק ביי זיין יומא דהילולא? אוודאי ווערט רבי שמעון דערהויבן אין זיין יארצייט, אבער וואס האב איך דערמיט, איך זאל זיך אזוי פרייען?

## תשובה:

### א גאולה'דיגער צדיק - ער איז מגלה דיין נשמה!

צוערשט דארף מען וויסן אז די שמחה ל"ג בעומר איז א הלכה. דער רמ"א פסק'נט אזוי, און דער מגן אברהם איז מסביר אז די שמחה איז צוליב רבי שמעון'ס הילולא. דערנאך האבן מיר דער 'משנת חסידים', איינער פון די גרויסע תלמידי האר"י, וואס שרייבט: "מצוה לשמוח בשמחת הרשב"י ביום זה". ס'שטייט אין זוהר הקדוש, אז ס'איז ארויס א כרוז פון הימל וואס האט אויסגערופן: "עולו עולו אתו ואתכנשו להילולא דרשב"י". רבי חיים וויטאל ז"ע דערציילט, אז דער אר"י הק' פלעגט ארויפפארן אום ל"ג בעומר קיין מירון צוזאמען מיט זיין גאנצע משפחה, וואו זיי האבן געגעסן, געטרינקען און זיך געפריידט. און רבי חיים וויטאל לייגט צו, אז דער אריז"ל פלעגט דאס טון אפילו פאר ער האט זוכה געווען צו זיינע גרויסע מדריגות. הייסט אז ס'איז א ענין, וואס האט מיט יעדן!

**וואס איז די גרויסע שמחה?** רבי שמעון בר יוחאי איז נישט קיין פרטית'דיגער תנא, וואס האט אויסגעלערנט סודות התורה און געזאגט אן א שיעור הלכות אין ש"ס. **רבי שמעון איז דער אור הגאולה פון יעדע אידישע נשמה!** ווי שטייט אין זוה"ק: "בספרא דא יפקון מן גלותא ברחמי", רבי שמעון איז א גאולה'דיגער תנא.

וואס מיינט עס א גאולה'דיגער תנא? דער בעש"ט הק' זי"ע האט געזאגט, אז די 'גאולה כללית' וועט נאר געשען נאכדעם וואס יעדע נשמה וועט זוכה זיין צו א 'גאולה פרטית'. וואס מיינט 'גאולה פרטית'? "קרבה אל נפשי" - ווען א איד איז זוכה צו אנערקענען און שפירן א נאנטקייט און א קשר צום אויבערשטן, "גאלה" - דאס אליינס איז זיין פריוואטע גאולה.

**רבי שמעון איז א 'גאולה'דיגער תנא'; ער איז מגלה די מורא'דיגע אהבה און חיבור וואס יעדער איד האט צום אויבערשטן!**

גאנץ זוהר הקדוש בויעט זיך אויף דער יסוד. אלעס ברענגט אויס דעם קשר וואס כלל ישראל האט מיטן אויבערשטן. זוה"ק איז פול מיט פלאמעדיגע לשונות, וואס רעדן פון די גרויסע אהבה וואס השי"ת האט צו כלל ישראל. זוהר הקדוש **איז די נשמה פון תורה,** ס'איז מגלה אז **נשמות ישראל** האבן א קשר נצחי מיטן אויבערשטן.

### אזועק מיטן גוף; איך בין א נשמה!

**ווען ס'טו פרעגן, אויב אונזער קשר צום אויבערשטן איז א פאקט, דאן פארוואס דארף מען רבי שמעון דערפאר?** די ענטפער איז: אונזער נשמה קאכט טאקע פארן אויבערשטן, אבער מיר האבן א גוף... ער האלט נישט ביים שפירן אונזער קשר מיטן אויבערשטן, דעריבער דארפן מיר רבי שמעון וואס האט א כח דורכצוברעכן דעם גוף און מעורר זיין אונזער נשמה. דערביי ווערט נתגלה אונזער אהבה צום אויבערשטן.

מיר קוקן טאקע אויס אזויווי מיר קוקן אויס, אבער ווען ס'קומט ל"ג בעומר קומט רבי שמעון אריין און איז אונז מגלה אז מיר האבן א נשמה. דאס איז די סיבה פארוואס ווען מ'גייט ארויף צו רבי שמעון, שפירט מען ווי ס'עפנט זיך די טיפסטע ווינקלעך פון הארץ, מ'הייבט אן טאפן מציאות ה', מ'שפירט קירבת ה'. רבי שמעון באלייכט די נשמה, טראץ די הסתרות פונעם גוף.

רבי שמעון'ס כח גייט נאך ווייטער. רבי שמעון, האבנדיג מפקיר געווען זיין גוף פאר דרייצן יאר אין די מערה ווי ער האט מגלה געווען זיין פנימיות ביזן סוף, איז מעורר די נשמה אויף אזא טאפעדיגע פארנעם, ס'בלייבט שוין נישט קיין 'גוף' וואס האט א 'נשמה', נאר פארקערט, דער מענטש פארשטייט אז ס'איז נישטא קיין אנדערע מציאות - אויסער די נשמה!

**פרעגסט, כ'בין נישט קיין מקובל? וואס האב איך מיט רבי שמעון'ס שמחה?** יעצט איז די ענטפער ממש פשוט: רבי שמעון, וועמענ'ס מהות איז א כללות'דיגע מהות וואס איז מגלה אונזער קשר מיטן אויבערשטן, געהערט נישט נאר פאר מקובלים. ס'איז דאך א שמחה אויף דעם קשר מיטן אויבערשטן! נו, יעדער איד, סיי די וואס געפינען זיך אויפן בארג נאנט צו רבי שמעון, סיי אלע אנדערע נשמות ישראל וואו אימער זיי זענען, האבן דאך דערמיט... רבי שמעון ברענגט יעדן צו זיין נאטורליכע פלאץ.

ווען רבי שמעון ווערט נתעלה אין דעם טאג צו א העכערע עולם, **ווערן מיר אויך נתעלה צוזאמען מיט אים! מיר הייבן אן באקומען א טיפערע הבנה און געפיל פון קירבת ה'!** ווייל ווי געזאגט, רבי שמעון איז אן אור כללי פון אלע נשמות ישראל, און זיין עליה איז, אז יעדער איד הייבט אן צו שפירן זיין קשר מיטן אויבערשטן!

ס'איז כלל ישראל'ס שמחה, און רבי שמעון בר יוחאי, זייענדיג ווי א 'ממוצע' וואס פארבינדט צווישן אונז מיטן אויבערשטן, ער האט א דאפלטע שמחה: די שמחה וואס כלל ישראל האט מיטן אויבערשטן, און די שמחה וואס השי"ת האט מיט כלל ישראל. אה, ס'איז א שמחה אין אלע עולמות! יעדער איד פריידט זיך, נאכן אנערקענען זיין קשר נצחי מיטן אויבערשטן - און דאס איז די גרעסטע שמחה פון א איד!

### מ'פועל'ט ישועות אין מירון

**דאס איז פשט פון די אויסטערלישע ישועות וואס גיסן זיך אין מירון,** אויף אזוי ווייט אז צדיקים האבן געזאגט, אז הר מירון איז פול מיט שטיינער וואס אידן האבן אראפגעלאזט פון זייערע פלייצעס, זיך אומקערנדיג פונעם ציון. מ'קען עס אנקוקן ווי יעדע תפילה, וואס איז מער מסוגל להתקבל ווען מ'דאווענט ביים ציון פון א צדיק, איבערהויפט ביי רבי שמעון וואס האט געזאגט "יכול אני לפטור את כל העולם מן הדין". אבער דא קומט אריין דיין שאלה: צי דען פעלט אנדערע ציונים פון צדיקים, וואס האבן אויך מבטל געווען אן א שיעור גזירות פון אידן?

די ענטפער איז: ווען א איד קומט אן קיין מירון און בעט זיך אויף א ישועה, איז עס נישט ווי א תפילה ביי קברי צדיקים, **נאר א תוצאה פון דעם אור וואס שיינט אין מירון.** אן אור הקשר.

אמת'דיג גערעדט, יעדע צרה בגשמיות קומט פון א געוויסע פגם אינעם קשר מיטן אויבערשטן. דעריבער, ווען א איד קומט קיין מירון, איז רבי שמעון מגלה זיין נאטורליכע קשר מיטן אויבערשטן, און אויפאמאל שיינט אים אויף אז נאר דער אויבערשטער קען אים העלפן! רבי שמעון'ס סוד איז, אז ער איז מגלה דעם קשר מיטן גאנצן פשטות, מיט די גאנצע תמימות און גלאטקייט, אזוי אז ווען א איד בעט ביים אויבערשטן אן קיין חכמות און חשבונות, נאר ווי א קינד פאר א טאטע, מיט א נאטורליכע געפיל און בטחון אז נאר השי"ת קען אים העלפן - איז נישט קיין וואונדער אז השי"ת העלפט, און מ'לאזט איבער אלע שטיינער אויפן בארג.

אייגנטליך איז דאס די זעלבע ביי יעדן דאווענען. פארוואס האט תפילה מיט 'קירבת ה'', פארוואס זאגט דער פסוק "כי מי גוי גדול אשר לו אלקים קרובים אליו בכל קראנו אליו", און "קרוב ה' לכל קוראיו"? ווייל תפילה ברענגט ארויס די נאטורליכע קשר וואס מיר האבן צום בורא, אזויווי א קינד מיט א טאטן. ביי רבי שמעון אין מירון, זענען מיר זוכה צו א בחינה פון "לכל אשר יקראוהו באמת", ווייל רבי שמעון איז מגלה אונזער אמת'ע קשר.

### נאטורליכקייט פון טאטע און זון

מירון איז ווי אן 'עיר מקלט' פאר די נשמה. זייענדיג אין גלות, אן קיין בית המקדש, וואו קען זיך א איד צוריק באהעפטן מיטן אויבערשטן? ביי רבי שמעון, אזויווי ס'שטייט אין זוהר הק' אויפן פסוק פון 'עליה לרגל': "אל מול פני האדון - דא רשב"י". אויב ס'איז נאך היינט דא א מקום ווי ס'איז דא א מעין פון די שמחה אין בית המקדש, **איז עס אין מירון.** אידן פרייען זיך, עסן און טרינקען מיט א דערהויבנקייט, גיסן אויס דאס הארץ, ס'איז זיי גוט אויפן הארץ, מ'שפירט זיך ביים אויבערשטן, דער קשר מיטן אויבערשטן איז אפן און לעבעדיג.

די סיבה דערצו איז ווי געזאגט, רבי שמעון גייט אונז ארויסנעמען פון גלות, ער איז מגלה די אור הגאולה - אונזער קשר און קירבת ה'. דעריבער, די אלגעמיינע געפיל וואס מ'האט ביי רבי שמעון ל"ג בעומר, איז א נאטורליכע אנגענעמליכקייט און צופרידנקייט. ס'איז די געפיל וואס א קינד האט זייענדיג ביי זיין טאטן. **ס'פעלט אים דארט גארנישט.**

ווען מ'כאפט דאס, ווען מ'פארשטייט פשט פון די אנגענעמליכקייט וואס מ'שפירט אין מירון, הייבט מען עס אן באלעבן און מער שפירן. מ'איז עוסק מיט אהבת ה' און זיך צוריק טרעפן מיטן אויבערשטן. מ'טראכט, מ'רעדט, מ'זינגט און מ'פריידט זיך: טאטע, אוי טאטע, כ'בין ביי דיר!

געוויס, ווען מיר וואלטן געהאט אביסל שכל, וואלט אונז איבערגענומען אן א שיעור בושה און הכנעה. אזויווי דער אור החיים הק', וואס טראץ און דווקא צוליב זיינע אומבאגרייפליכע השגות, ארויפפארנדיג קיין מירון האט געשפירט אז ער איז גארנישט מער ווי א הולך על ד', אזוי אז ער איז ארויפגעקראכן אויף די פיר פון גרויס פחד ה'. מיר האבן נישט קיין דעת, אבער פארט קומען מיר אן מיט א פעסטע אמונה אין רשב"י און אינעם קשר וואס ער איז מגלה אפילו פאר אזא איינער ווי איך.

### עבודה פון ל"ג בעומר

**צום שלוס לשאלת רבים: וואס איז די עבודה פון ל"ג בעומר?**

ווי געזאגט, ל"ג בעומר איז רבי שמעון'ס טאג. דאס מיינט, אז רבי שמעון דערלייכט דעמאלטס די קשר פנימי פון יעדן איד צום אויבערשטן.

וויאזוי קען מען זוכה זיין דערצו? דער אמת איז, אז מיר האבן נישט קיין כלים צו אליינס מקבל זיין אזא אור. ס'איז נישטא קיין שום הכנה אדער עבודה וואס קען עס אראפברענגען. רבי שמעון דארף אונז עס געבן, און טאקע די גלאטע עצה איז פשוט ארויפצוגיין קיין מירון צו רבי שמעון, און זיך דארט פרייען מיט אים.

**פונדעסטוועגן,** קען מען אומעטום אריינכאפן די שמחת הקשר וואס רבי שמעון איז משפיע פאר יעדן איד. מ'קען לערנען זוהר הק', מתפלל זיין צום אויבערשטן אז מ'זאל זוכה זיין צו דעם קשר, און אז מ'זאל זיך קענען פרייען דערמיט, זיך פרייען אז מיר זענען מאוחד מיטן אויבערשטן.

די וועג וויאזוי מ'קען עס איינעמען און האבן אויף א גאנץ יאר, איז דורך **דיבורים.** ס'איז דא א כלל, אז יעדער אור וואס מ'וויל קובע זיין ביי זיך, איז דורכ'ן נוצן דיבורים. אויב מ'וויל ארויסברענגען אן אינערליכע געפיל כדי ס'זאל בלייבן אויף אייביג, דארף מען עס ארויסזאגן.

דאס איז דער ענין פארוואס מ'זינגט 'בר יוחאי', 'ואמרתם כה לחי' או"ו. מ'ברענגט ארויס ווי רבי שמעון איז משפיע די גילויים פון אור ה' פאר כלל ישראל, און ווי ער איז מגלה אונזער קשר און ליבשאפט צום אויבערשטן. דאס איז אויך די סיבה פארוואס אידן זאגן דאן אסאך תהלים, ווייל תהלים ברענגט ארויס אונזער נשמה'ס אהבה צום אויבערשטן מיט דיבורים, און די דיבורים וועלן בעז"ה קובע זיין דעם גילוי הקשר אין אונזער הארץ אויף הייביג.

**אידישער הערצער ווארטן אויף אביסל ליכטיגקייט אין עבודת השי"ת, אבער מ'ווארט אויף אייער שותפות**
צו מנדב זיין א מאמר/אפטיילונג, אדער הפצה ביי אייך אין ביהמ"ד, אזוי אויך אויף אלע פרטים איבערן גליון
רופט אין מאנסי: **347.452.3118** אין וויליאמסבורג: **347.768.3577** אין בארא פארק: **347.520.8743**
אימעיל DD0722531385@gmail.com | **תורם צו זיין אויטאמאטיש: 347-428-6483**